אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט / פּתח־תּקוה

# דער ווירטואָז פֿון שײַכותן

ואם נשאל מה אומנותו, תהא התשובה דרך שאלה: ומה אין אומנותו? כי הוא איש של גאוניות... (דב סדן, הנמר וידידו המנמנם).

דבֿ סדן איז פֿון די אוניווערסאַלע געשטאַלטן אין דער נאַציאָנאַלער קולטור פֿון אַ פֿאָלק, וואָס וועבן זיך אַרײַן אין איר לעגענדע און ווערן אַ סימבאָל פֿאַר די קומענדיקע דורות. זײַן נאָמען רינגלט זיך אַרײַן אין דער קייט פֿון אונדזערע גײַסטיקע פּערזענלעכ־קייטן פֿון ווײַטן און נענטערן עבֿר און איז ניט אָפּצוטיילן פֿון אונדזער קולטור־געשיכטלעכער מאַפּע.

דבֿ סדן איז בײַ אונדז דער ווירטואָז פֿון שײַכותן, וואָס פֿלעכט און בינדט צונויף איזאָלירטע פֿענאָמענען, אַנטפּלעקט זייערע טענדענצן און וויקלט זיי פֿונאַנד אין אַ ווילקלינגעוודיקער גאַנצקייט.

און ער קאָן זיך דאָס פֿאַרגינען, ווײַל ער שפּילט אויף אַלע כּלים פֿון אָרקעסטער, ווײַל ס׳איז אים ניט פֿרעמד קיין שום ווינקעלע פֿון אונדזער גײַסטיקן אוצר. ער קאָן דאָס חשיבֿות פֿון איטלעכן צאַפּל און איטלעכן פּינטל וואָס האָט זיך באַוויזן אין משך פֿון דורות אין אונדזער קולטור־וועלט, בכל תּפֿוצות ישׂראל — דעם ייִחוס פֿון שטעט און שטעטלעך, דעם ייִחוס פֿון וואָרט און ווערטלעך און אַוודאי דעם ייִחוס פֿון די בעלי־יצירה אין אונדזערע לשונות.

דבֿ סדן איז דער גרויסער מומחה אַרויסצושיילן פֿון דער קליינשטעטלדיקייט דאָס גרויסוועלטיקע, פֿון דער צופֿעליקייט דאָס בכּיוונדיקע, און אַלץ צונויפֿפֿלעכטן אין קאָנסטעלאַציעס, ווו איטלעכער שטערן שײַנט מיט זײַן אייגענעם גלאַנץ.

◉

צו די גבֿורות, האָט ג. קרעסל צוגעטראָגן דעם בעל־יובֿל ווי אַ מתּנה דעם ערשטן טייל פֿון אַ ביבליאָגראַפֿיע: כּתבי דב סדן (עם עובד 1981), אַן אַרבעט בײַ וועלכער ער האָט יאָרן־לאַנג געהאָרעוועט. זי איז כּולל די 53 אָריגינעלע ביכער וואָס דבֿ סדן האָט אַרויסגעגעבן ביז 1981; אַחוץ דעם: די ביכער וואָס ער האָט איבערגעזעצט פֿון אַנדערע לשונות, די הקדמות וואָס ער האָט געשריבן צו ביכער פֿון אַנדערע מחברים און זײַנע אַרבעטן וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער צײַטונגען און זשורנאַלן אין ארץ־

ישׂראל און איבער דער גאָרער וועלט, פֿון 1916 אָנגעהויבן און ביזן סוף 1936. בסך־הכּל ציילט די ביבליאָגראַפֿיע 1150 איינסן און דערביַי איז דער מחבר זיך מודה, אַז איַינצו־זאַמלען אַלץ וואָס דבֿ סדן האָט אין משך פֿון איבער זעכציק יאָר אָפּגעדרוקט אויף העברעיִש, יידיש, דיַיטש און פּויליש איז כּמעט אוממעגלעך.

אָט די ביבליאָגראַפֿיע אַליין גיט שוין אַ באַגריף וועגן דער גוואַלדיקער שפֿע־ברכה וואָס דבֿ סדן האָט אַריַינגעטראָגן אין אונדזער קולטור, אַ ברכה וואָס האָט בלי־ספֿק גרויס חשיבֿות פֿאַר אונדזער גײַסטיקן קיום, וויַיל זי ווערט אַראָפּגעשיקט ממרומים כּדי צו באַשיצן די קולטור און זי באַשירעמען, כּדי זי אָפּצוהיטן פֿון טעותים און פֿאַר־קרימונגען.

צוליב אַ סך טעמים איז די קולטור ביַי יידן אויסגעשטעלט אויף גרעסערע סכּנות ווי די קולטורן פֿון אַנדערע אומות, וואָס זענען פֿאַרוואָרצלט און קאָנצענטרירט אויף אַ באַשטימטן שטח. מיר געפֿינען זיך אין אַ פּראָצעס פֿון איבערגיסן פֿון איין כּלי אין אַ צווייטער, און ביַי אַזאַ פּעולה איז שטענדיק פֿאַראַן אַ סכּנה צו פֿאַרגעסן אָדער בכּיוונדיק פֿאַרמינערן. געגנוג צו דערמאָנען ווי סעלעקטיוו שלום־עליכם איז אַריַינגענומען געוואָרן אין העברעיִש. ערשט אַצינד האָט מען זיך געכאַפּט אַז מ׳דאַרף גאָר אָנהייבן אים פֿון דאָס ניַי איבערזעצן און פֿאַרהיימישן אין ארץ־ישׂראל, כּדי די יוגנט זאָל באַקומען אַ קלערער בילד פֿון זיַין פּערזענלעכקייט.

מיט זיַין וויַיט און ברייט פֿאַרצוויַיגטן ווערק האָט דבֿ סדן אויסגעבויט אַ גאַנצע אינסטיטוציע, וואָס לאָזט ניט אַריַינלייגן אין אַ סדום־בעטל די קולטור וואָס יידן האָבן געשאַפֿן, לאָזט זי ניט פֿאַראַרעמען און פֿאַרלייקענען.

דבֿ סדן האָט געעפֿנט טויערן און טירן, ווי עס הייסט זיַינס אַ בוך אויף יידיש, און אין זינען געהאַט אַריבערצוואַרפֿן אַ בריק צווישן וויַיט און נאָענט, ווי עס הייסט זיַינס אַ צווייט בוך אויף יידיש; זיַינע כּתבֿים עפֿענען כּסדר ארחות ושבֿילים, וועגן און שטעגן, ווי ס׳איז דער נאָמען פֿון זיַינס אַ בוך אויף העברעיִש און לאָזט ניט געשטרויכלט ווערן בצאתך ובאהליך, אין גאַס און אין שטוב, ווי ס׳איז דער נאָמען פֿון אַן אַנדער בוך אויף העברעיִש.

סימבאָליש אָנגעלאָדן זענען אויך די נעמען פֿון די ביכער וואָס דער מחבר אַליין רופֿט זיי אָן „שטיינער״: אבני זכּרון און אבני שפֿה; אבני גבֿול און אבני מפֿתן; אבני בדק און אבני גדר.

אין דער סימבאָלישער אָנגעלאָדנקייט פֿון אָט די נעמען קאָן מען אַנטפּלעקן אַ דריַיפֿאַכיקע כּוונה: ראשית, זענען דאָס געדענקשטיינער, כּדי געשטאַלטן, שאַפֿונגען און מעשׂים פֿון אונדזער עבֿר זאָלן, חלילה, ניט פֿאַרגעסן ווערן, געשטאַלטן און מעשׂים אין זייער פֿאַרצוויַיגטער און פֿאַרוויקלטער שיַיכותדיקייט, וואָס טאָקע נאָר איין דבֿ סדן קאָן זיי אויספּלאָנטערן און אויסקלאָרן, מע זאָל פֿאַרשטיין זייער טעם און זייערע כּוונות; שנית, זענען דאָס וועגשטיינער, וואָס מ׳שטעלט אַוועק ביַי די פּרשת־דרכים, כּדי דער וואַנדערער זאָל וויסן וווּהין ער דאַרף זיך פֿאַרנעמען, ער זאָל ניט בלאָנדזשען אין אומוויסיקייט און כּדי ער זאָל האָבן אַ השגה וועגן מרחק, וועגן נאָענט און וויַיט; שלישית, זענען דאָס יסוד־שטיינער, וואָס בינדן צונויף דעם קולטור־בנין פֿון אַ פֿאָלק. איטלעכער שטיין איז געטעסעט מיט חכמה און גענויקייט, מיט אַ געפֿיל פֿאַר די שכנותדיקע שטיינער און די שכנותדיקע קולטור־בנינים.

בײַם לייענען די כּתבֿים פֿון דבֿ סדן זעט מען, אַז קיין איזאָלירטע קולטור־פֿענאָמענען זענען ניטאָ. זיי קומען און פֿאַרבלײַבן אין זייער פֿאַרקניפּטקייט און פֿאַר־בונדנקייט. פֿון צײַט צו צײַט דאַרף מען בלויז פֿאַרטרײַבן דעם נעפּל וואָס פֿאַרקלײַבט זיך איבער זיי און אויפֿדעקן די שײַכותן, כּדי אויפֿצוּוועקן דעם אינטערעס פֿון אַ נײַעם דור. און בײַ אונדז טוט דאָס קיינער ניט אַזוי מײַסטעריש ווי דבֿ סדן.

דער מינדסטער ענין אין וועלכן ער האָט זיך געגריבלט ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ שפּאַנענדיקער אַוואַנטורע. אַ וואָרט צי אַ ווערטל קאָנען בײַ אים ווערן העלדן פֿון אַ סיפּור, וואָס ער דערציילט אים מיט אַלע חנען פֿון זײַן לשון און מיט זײַן ספּעציפֿיש־יידישן הומאָר.

עס ווילט זיך כאַטש ברענגען איין דוגמא אויף טשיקאַוועס ווי אַזוי עס פֿאַרצווײַגן זיך די שײַכותן און זײַן פֿאָרשונג. די אַרבעטן וואָס גייען אַרײַן אין באַנד חן־גריבעלעך (בוענאָס־אײַרעס 1971), באַטיטלט ער „צו דער ביאָגראַפֿיע פֿון וואָרט און ווערטל״. איז דער אונטערטיטל אַליין שוין אַ חן־גריבעלע אויף דעם ערנסט־פֿאָרשערישן פּנים. ווײַטער הייסט דער ערשטער קאַפּיטל אין ספֿר: „די מעשׂה מיט אַ טעפּל״ און דער פֿאָרשאָביעקט איז דאָס ווערטל „ס׳איז די מעשׂה מיט שלום־עליכמס טעפּל״, מיט זײַן „דרײַפֿאַכיקער סתּירה־מניה־וביה״ ווי מיר קאָנען זי פֿון שלום־עליכמס דערציילונג „דאָס טעפּל״: „ערשטנס האָב איך אײַך אָפּגעגעבן אַ גאַנץ טעפּל; צווייטנס, אַז איך האָב בײַ אײַך גענומען דאָס טעפּל איז דאָס געווען אַן אָנגעשטשערבעט טעפּל; און דריטנס, האָב איך בײַ אײַך קיין מאָל ניט גענומען קיין טעפּל, איך האָב מיר מײַן טעפּל, און טשעפּעט זיך אָפּ פֿון מײַן לעבן״.

עס גייט דאָ ניט אין די פֿילאָלאָגישע אויספֿירן, נאָר אין די שײַכותן וואָס דבֿ סדן אַנטפּלעקט בעת אַזאַ גריבלעניש.

פֿון שלום־עליכם פֿירט ער אונדז אַוועק צו טעאָדאָר הערצל און זײַן אַרטיקל „דער באַזעלער פּראָגראַם״ פֿון 1897, אין וועלכן עס ווערט דערמאָנט הײַנריך הײַנע אין שײַכות מיטן אַנעקדאָט וועגן צעבראָכענעם טאָפּ, ווי אַ משל צו אַ נימשל. ווײַטער פֿירט די ביאָגראַפֿיע פֿונעם ווערטל צו דעם ערשטן יאָרבוך פֿון יידישע פֿאָלקסביבליאָטעק מיט אַ דערציילונג פֿון יצחק־יואל לינעצקי, וואָס האָט אַ שײַכות צו דעם ענין. און צום סוף ווערט נאָך געבראַכט אַ ראַיה פֿון י.־ל. פּרץ אין זײַן דערציילונג „דעם רבינס ציבוק״.

אויף אַזאַ אופֿן ווערט די ביאָגראַפֿיע פֿון אַ ווערטל שפּאַנענדיק ווי די ביאָגראַפֿיע פֿון אַ לעבעדיקן פּאַרשוין, וואָס גייט דורך עליות און ירידות פֿון אָנהייב ביזן סוף.

אויך די אַנדערע ביכער זײַנע זענען אָנגעלאָדן מיט אַ רײַכן אַסאָציאַטיוון און סימבאָלישן פֿאַרמעגן, וואָס פֿאַרוואַנדלט זיי אין יסוד־שטיינער פֿאַר אונדזער קולטור־געשיכטע.

די זאַמלונגען פֿון הומאָר „אסופֿת הומור בישראל״ טראָגן בײַ דבֿ סדן אַזעלכע היימישע, ריח־ניחוחדיקע נעמען ווי קערת צמוקים און קערת אגוזים. הערט מען טאַקע אַרויס ווי באַגלייטענער דעם ניגון פֿון ראָזשינקעס און מאַנדלען און מ׳פֿילט ווי באַגלייט־טעמים דעם געשמאַק פֿון די האָניק־לעקעכער מיט ניס, וואָס די מאַמעס און די באָבעס אונדזערע האָבן געבאַקן פֿאַר אַ יום־טובֿ צי אַ שׂימחה.

אָט די זאַמלונגען זענען טאַקע אַקאַדעמיש מהדרין מן המהדרין, מיט אַלע וויסנ־שאַפֿטלעכע פּיטשעוועקעס, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ פּראָפֿעסאָר, אָבער ווי אַ צולאָג פֿאַרמאָגן

זיי נאָך אַזוינס, וואָס לאָזט זיי ניט גליווערן אין אַ וויסנשאַפֿטלעכער שטײַפֿקייט, אַזוינס וואָס וויל זאָגן, אַז אַפֿילו וועגן הומאָר דאַרף מען שרײַבן מיט אַ קאַפּעלע הומאָר.

◉

אין דעם פֿאַרשפּרייטן געוועב פֿון שײַכותן איז ניט שווער צו דערזען אין די כּתבֿים פֿון דבֿ סדן, אין די דערציילערישע און אין די פֿאָרשערישע, אויף העברעיִש און אַוודאי אויף ייִדיש, דעם אָנקער מיט שלום־עליכם, ווי אַ סימבאָל פֿון אַלץ וואָס ס׳האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישער שבֿט.

דאָס איז ניט קיין אויבנאויפֿיק־צופֿעליקע קרובֿישאַפֿט, נאָר אַ טיף־פֿאַרוואָרצלטע, אַ נאַטירלעכע, אַ פֿאַרפֿלאָכטענע אין דער שפּראַך און אין תּוכן, אין די הויפּטמאָטיוון און באַגלייט־מאָטיוון פֿון זײַן וועלטבאַנעם.

דבֿ סדן איז אַוודאי ניט קיין ייִדישיסט, פּונקט ווי שלום־עליכם איז בשעתו ניט געווען קיין ייִדישיסט. סדן האָט בפֿירוש אויסגעמיטן אַלע איזמען, וואָס האָבן געקאָנט באַגרענעצן זײַן אינטערעס און זײַן ליבשאַפֿט פֿאַר כּלל־ישׂראל.

עס וועט אָבער, דאַכט זיך, ניט זײַן קיין טעות צו זאָגן, אַז אין דער הײַנטיקער געשטאַלטיקונג פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור איז דאָס ווערק פֿון דבֿ סדן אַ גײַסטיקע בריק צו יענעם עבֿר וואָס שלום־עליכם איז זײַן תּמציתדיקער אויסדרוק.

כּדי אונדזער קולטור זאָל האָבן אַ קיום און אַ המשך, האַלט דבֿ סדן, דאַרף דער יונגער דור קענען ניט בלויז דעם עבֿר פֿונעם לאַנד, נאָר אויך דעם עבֿר פֿונעם פֿאָלק, און קיין שום איבערהיפּערן און פֿאַרשווײַגן וועט אונדז ניט ראַטעווען. זײַן צוגאַנג צום עבֿר אין אַלע זײַנע אַנטפּלעקונגען פֿון שפּראַך און קולטור, איז אַ ברייט־נאַציאָנאַלער און אַחריותדיקער. אַלץ איז אַרײַנגעוועבט און אַרײַנגעפֿלאָכטן אין דער אַלגעמיינער מאַפּע פֿון אונדזער קולטור.

די באַנײַונג פֿון דער העברעיִשער שפּראַך איז טאַקע פֿאַר אים איינע פֿון זײַנע גרעסטע איבערלעבונגען, אָבער נאָר ער האָט געקענט מיט אַזאַ פֿול מויל זאָגן וועגן ייִדיש: „ווען נישט ייִדיש, די מלכּה פֿון אַלע ייִדישן, וואָלט דאָך, — ווי ביאַליק האָט שוין באַמערקט — העברעיִש צעפֿאַלן אין די גלותן אין כּלערליי העברעיִשן, און וואָלט נישט געקאָנט ווערן וואָס עס איז איצט אין דער מדינה — דער קיט פֿון אַלע נדחי ישׂראל, וואָס קומען פֿון שבֿעים אומות און רעדן אויף שבֿעים לשון; אַ קיט וואָס זײַן כּוח באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז אַלעמענס בשותּפֿותדיקער עלעמענט". (דבֿ סדן, היימישע כּתבֿים, צווייטער טייל, ז׳ 397).